# נַקְדִישְׁךָ

די אומשאצבארע **סגולה** און די געוואלדיגע **מעלה** פון **נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ה׳

## דער נמשל שטימט

אחדשה"ט, איך וויל דא מיטיילן א מעשה פון השגחה פרטית, און יא - עס האט צו טון מיט דעם ענין פון זיך פירן מיט כבוד אין אויבערשטנ'ס הויז און אכטונג געבן נישט צו רעדן אין בית המדרש בשעת'ן דאווענען. איך בין עס מפרסם על פי הוראת חכם.

ווי א בעל פרנסה און גרויסער עסקן, האב איך, ברוך ה', די זכי' צו העלפן אסאך אידן און טון פיל חסד און עסקנות פאר אידנסוועגן. דער יצר הרע פארגעסט דאך נישט פון קיינעם, און איינער פון מיינע שווערע נסיונות איז אלעמאל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען (בעיקר ביי חזרת הש"ץ און קריאת התורה). נאך אלעם איז עס א נסיון, ווען א גאנצע וואך איז מען פארנומען און שבת טרעפט מען זיך מיט אלע חברים וועלכע זיצן נעבן דיר און זענען גרייט צו פארברענגען. כ'האב זיך קיינמאל נישט געקענט נעמען דערצו אויפצוהערן צו שמועסן ביים דאווענען.

געווען איז עס שבת קודש פרייטאג צו-נאכטס נאכ'ן דאווענען, קומט צו צו מיר א איד און פרעגט מיר מיט א רואיגקייט צי ער קען מיר עפעס זאגן, זאג איך אים, יא. (כ'האב דאך נישט געוואוסט וואס עס קומט...) זאגט מיר דער איד מיט געמיטליכקייט: "ס'איז ריכטיג אז דו ביסט גאר געטריי פאר אידן מיט דיין עסקנות. עס קען אבער זיין אז די אלע וואס דו העלפסט ליידן אין דיין זכות."

איך האב אנגעקוקט דעם איד פארוואונדער, אבער ער לאזט נישט אפ און איז ממשיך: "און ס'איז גאר מעגליך מיט'ן עסקנות און הילף וואס דו גיסט פאר אנדערע, דעקסטו נישט קיין צענטל פון די חורבנות וואס דו מאכסט אן." אזוי רעדנדיג, דערלאנגט ער מיר דעם "הליכות החיים" גליון רסב, און זאגט מיר: "זיי נישט ברוגז. נישט איך זאג דאס - דאס זאגט דער הייליגער 'עבודת ישראל', דער 'חתם סופר', 'רב ייבי', און נאך."

כ'האב אים נישט געענטפערט, און אוודאי נישט אריינגעקוקט אינעם גליון בפניו, ווייל עס וואלט דאך געווען ווי איך באשטעטיג און נעם אן זיינע ווערטער אן מוסר, און דאס האב איך נישט געוואלט. שפעטער, ווען דער איד האט נישט געזען, האב איך אריינגעקוקט און געזען פונקטליך וואס ער מיינט מיט די ווערטער פונעם "חתם סופר" זי"ע, אז ווען מען שמועסט ביים דאווענען גייען די תפילות פונעם בית המדרש צום אנדערן צד, ה"י, ווי אויך די שארפע ווערטער פונעם "עבודת ישראל" און "רב ייבי", אז ווער עס שמועסט ביים דאווענען, איז נישט נאר וואס זיינע אייגענע תפילות גייען נישט ארויף צום רבוש"ע, נאר אפילו די תפילות פון די וואס שמועסן נישט, נאר דאווענען אין דעם זעלבן בית המדרש, ווערן אויך אפגעהאלטן.

איך האב פארשטאנען דעם רמז פון דעם איד, אז יא, אמת, איך העלף טאקע אנדערע, אבער עס קען גאר זיין אז זיי ליידן וועגן אזעלכע אידן ווי איך. דערצו איז נאך געשטאנען דארט אויך פון הרב וואזנער זי"ע, דער פוסק הדור, אז עס איז אים ברור אז אויב מען וואלט מקבל געווען אויף זיך אויפצוהערן שמועסן ביים דאווענען וואלט די ביטערע מחלה בטל געווארן.

פיין און וואויל, אבער א געוואוינהייט פון איבער פערציג יאר ווערט נישט אזוי שנעל בטל, און איך האב נאכנישט געקענט מחליט זיין ביי זיך אויפצוהערן מיט די שמועסן דא און דארט. איך האב נאר געקוקט אויף דעם איד, דעם מוסר-זאגער, ווי איינער פון דעם כת המוכיחים וואס זענען נאר שלעכטס ביי אנדערע, פארשטייען נישט קין אנדערן, אא"וו.

און דא קומען מיר צום השגחה-פרטית'דיגן פאל וואס האט מיך ענדליך מעורר געווען, און דאס וויל איך מיטיילן פאר'ן חשוב'ן ציבור.

יענעם שבת נאכמיטאג האב איך פונקט ארויסגענומען פון לעדל אן אלטע היימישע אידישע אויסגאבע פון יארן צוריק פון צווישן א הויפן מיט אלטע נומערן. איך האב אויפגעמישט צו א בלעטל און דארט באגעגנט א משל וועגן א איד וואס האט זייער שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, און עס איז געווען איינער וואס האט עס אים נישט געקענט פארגינען, ויהי היום, די קנאה איז אריבערגעגאנגען אלע גרעניצן, און דער פארשוין האט אונטערגעשטעלט א שריפה אין דעם איד'ס פאבריק. ווען די פלאמען זענען שוין געווען גאר הויך, און דער פאבריקאנט איז געוואר געווארן פון די שלעכטע נייעס, אז זיין פארמעגן ברענט אפ, איז ער אהינגעלאפן זען צי מען קען נאך עפעס ראטעווען. אנקומענדיג, האט ער געזען דארט ווי דער יעניגער פארשוין וואס האט אונטערגעשטעלט דאס פייער ארבעט שווער, שוויצט און מוטשעט זיך צו שלעפן און ראטעווען וואס ער קען נאר. און אזוי איז יענער געשטאנען דארט "בייהילפיג" ביז דאס פייער האט פארניכטעט כמעט אלעס וואס איז געווען אינעם געשעפט.

מיט טרויעריגע אויגן איז געשטאנען דארט דער פאבריקאנט און זיך צוגעקוקט ווי זיין פארמעגן גייט לטמיון. שפעטער, ווען ער איז אהיימגעקומען און גערעדט מיט גרויס ווייטאג וועגן זיינע פארלוסטן, האט ער זיך אויסגעדריקט פאר איינעם, אז ווען נישט וואס דער געטרייער שכן האט זיך אזוי געטריי אפגעגעבן און געהאלפן דארט, וואלט ער אפילו די פאר זאכן נישט געקענט ראטעווען. דער צוהערער, א קלוגער איד, האט געגעבן א זאג פאר דעם איד, "מיר זעט אויס, פון דעם אופן ווי 'געטריי' יענער האט דיר געהאלפן, אז דו קומסט אים נישט אזא הכרת הטוב, נאר גאר פארקערט: ווען נישט זיינע 'חסדים', וואלט דיין גאנץ פארמעגן אפגעראטעוועט געווארן און נישט נאר די פאר זאכן."

אט-דער משל - ווערט דארט געברענגט - פלעגט דער סאטמארער רב זי"ע דערציילן, און ער האט צוגעלייגט דערצו א הסבר, על-פי דרכו בקודש.

אבער, טייערע אידן! דער נמשל איז מיר נישט געווען נוגע לעניני. אויף דער מינוט האט מיר באלד אויפגעבליצט אין קאפ מיינער אן אייגענער נמשל דערויף: ס'איז דאך ממש דאס זעלבע וואס דער איד האט מיר געזאגט היינט: ווער ווייסט צי מיט מיין עסקנות דעק איך אפילו א צענטל פון די חורבנות וואס איך בין גורם, ווען דער הייליגער רב ייבי, קאזשניצער מגיד און דער הייליגער חתם סופר זי"ע זאגן אונז קלאר, אז איין איד וואס שמועסט קען צוריקהאלטן די תפילות פון א גאנצן בית המדרש מיט אומשולדיגע אידן, אז זייערע תפילות זאלן נישט נתקבל ווערן, חס ושלום. די אנדייטונג, אז פונקט היינט האט דער רבוש"ע מיר מזמין געווען די אויסגאבע פון צווישן אסאך אנדערע, אז איך זאל דאס זען דארט און כמסיח לפי תומו צוזאמענשטעלן מיט די ווערטער וואס דער אינגערמאן האט מיר היינט געזאגט, האט מיך אויפגעטרייסלט.

טייערע אידן! די ווערטער האבן מיך, ברוך ה', באנומען, און איך האב אויפגעהערט צו שמועסן ביים דאווענען. עס האלט שוין אן אזוי א פאר וואכן. עס איז טאקע שווער צו טוישן א רגילות אזוי פון איין רגע אויף דער אנדערער, אבער אויפ'ן הארצן איז, ברוך ה',

גרינגער האבנדיג אין געדאנק אז "ושלא יענש שום אדם בסיבתי". און כאטש ס'איז מיר נישט גרינג דאס צו שרייבן, בין איך עס מפרסם אלס תשובת המשקל. ויהי רצון, אז אויב וועט נאך איינער נתעורר ווערן פון די ווערטער, והי' זה שכרי.

א ברוקלינער עסקן

## מיין ערשטע תפלה

א יש"כ פאר די מורא'דיגע מעשיות וואס איר האט לעצטנס געשריבן איבער דעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען און פון דער געוואלדיגער סגולה פון נישט רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם". איך האב לעצטנס געהאט א געוואלדיגע ישועה בזכות זה, ממש שלא כדרך הטבע. בערך צוויי וואכן נאכדעם וואס איך האב זיך פארגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען, בין איך געהאלפן געווארן אויף גאר אן אינטערעסאנטן אופן.

ווען איך האב דערציילט פאר א חשוב'ן איד, א תלמיד חכם, וואס האט אביסל געוואוסט פון מיינע שוועריגקייטן, ווי איך בין געהאלפן געווארן, האב איך בתוך הדברים אים געגעבן א זאג, אז עס איז מיר אינטערעסאנט אז איך האב אזויפיל געהאט מתפלל געווען דערויף און ביז יעצט נישט געזען די ישועה, און ערשט נאכדעם וואס איך האב זיך פארגענומען נישט צו רעדן מער ביים דאווענען בין איך באלד געהאלפן געווארן, האט מיר דער איד צוגעוויזן די הייליגע ווערטער פונעם "חתם סופר" זי"ע, זאגנדיג: "קוק אריין אין דעם שטיקל, וועסטו באלד זען אז עס איז א פשוט'ע זאך, פארוואס ערשט יעצט האט דיין תפלה אנגעהויבן 'ארבעטן'."

און לתועלת הרבים בין איך מעתיק דא די הייליגע ווערטער פון "חתם סופר". ער שרייבט (אין די דרשות ח"ב דף שט): דער רבוש"ע, מיט זיין געוואלדיגן רחמנות און חסדים, האט אונז איבערגעלאזט א מקדש מעט - דאס איז דאס בית הכנסת און בית המדרש, וואס מיר דאווענען דארט, און אויב מיר וועלן זיך אויפפירן דארט הייליג, איז עס עתיד צו ווערן קבוע אין ירושלים ווען משיח וועט קומען, און שוין יעצט האט עס קדושת ארץ ישראל און די תפלות וואס מען דאוונט דארט גייען ארויף צום שער השמים, אבער אויב מיר זענען חס ושלום מזלזל דערין און מען רעדט דברים בטלים, וואס דער הבל פון דברים בטלים איז טמא, ווערט נתלבש דערין א חוץ-לארצ'דיגער שר (נישט פונעם צד הקדושה), וואס ער ווערט בעל הבית אויך אין בית הכנסת, רחמנא ליצלן, און ער כאפט אוועק די תפלות און ברענגט זיי אריין צו די חיצונים, און עס איז ווי דער מענטש (וואס שמועסט ביים דאווענען) וואלט געדינט עבודה זרה, חס ושלום. און דאס איז דער פשט פון דעם וואס חז"ל זאגן אונז, אז ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ איז עס גלייך ווי ער האט נישט קיין ג-ט, חס ושלום, ווייל אויב ער שמועסט ביים דאווענען איז עס ווי ער וואלט קיינמאל נישט מתפלל געווען צום רבוש"ע, נאר צו עבודה זרה, חס ושלום.

זאגט מיר דער איד: "דו מיינסט אז דו האסט שוין אזויפיל מתפלל געווען פאר א ישועה, אבער באמת, לויט ווי דו דערציילסט, איז עס די ערשטע תפלה וואס איז ארויפגעגאנגען צום רבוש"ע אליין." לאמיר מיר אלע זיך אויפפירן אין בית המדרש מיט'ן ריכטיגן כבוד המקום ווי עס דארף צו זיין און געדענקען אז "שתיקה יפה בשעת התפלה", און אזוי ארום וועלן אונזערע תפלות ארויפגיין צום כסא הכבוד און אונז ברענגען ישועות ורפואות.

(-)

## א געשעפט מיטן רבש"ע

איבער דעם ענין וואס איר האט לעצטנס געשריבן וועגן נישט רעדן ביים דאווענען, וויל איך צולייגן די פאלגנדע שיינע הוספה:

מען האט אמאל געפרעגט דעם טאטן פון הגאון ר' מרדכי שוואב זצ"ל, אין וועלכן זכות ער האט זוכה געווען צו אזעלכע חשוב'ע קינדער, וואס זענען אלע געווען תלמידי חכמים און משפיעים, איז זיין ענטפער געווען אז ער ווייסט נישט פינקטליך פארוואס, אבער איין זאך וואס ער געדענקט, אז פאר ער האט חתונה געהאט האט ער מתפלל געווען צום רבוש"ע און געזאגט: "רבונו של עולם! כ'וויל מיר דיר מאכן א געשעפט. איך וועל דיר ברענגען כבוד ביי דיר אין שטוב [מיינענדיג אכטונג צו געבן אויף קדושת בית המדרש, נישט רעדן ביים דאווענען מתחילתו ועד סופו], און אין דעם זכות זאלסטו מיר ברענגען כבוד אין שטוב [ער זאל זוכה זיין מגדל צו זיין ערליכע און חשוב'ע קינדער]." זעט אויס, אז דאס געשעפט איז דורך. ער האט טאקע אכטונג געגעבן איבערצוקומען די שוועריגקייטן פון נישט רעדן ביים דאווענען, און דער רבוש"ע האט אים מזכה געווען מיט זעלטן-גוטע און חשוב'ע קינדער

ידידכם, מ.ש.

(גליון הליכות החיים)

